פאַרלאַג „לעבן".

№ 1. — ...אפישע סעריע.

פראלעטאריער פון אַלע לענדער,
פאַראייניגט אייך!

# ב. לענין

(וו. א. אוליאנאוו).

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

775

פרייז 35 קאפ.

מאָסקווע

1918

# נ. לענין

(וו. א. אוליאַנאָוו).

[redacted] א קורצע לעבענס־באשרייבונג.

[redacted]שן פון חבר לענין איז באקאנט להלוטין
[redacted]צער וועלט. אייניגע רופן אָן זיין נאָ־
מען מיט א ווילדן כעס, אנדערע מיט דער גרעסטער
ליבע און צוטרויען, און ס'זיינען כמעט נישטאָ קיין
גלייכגילטיגע צו אים.

דערפאר איז פארשט גדליך דער ווילן פון א
סך חברים זיך צו באקענען מיט'ן לעבן און טעטיג־
קייט פון חבר לענין, דעם פירער פון דער גרעסטער
רעוואָליוציע אין דער געשיכטע פון די פעלקער.

באַזאָנדערס טייער איז אונז דער חבר לענין
אין די טעג, ווען ער ליגט איצט מיט צוויי קוילן
אין זיך פון די פאררעטער פון דער רעוואָליוציע,
און זיין לאַגע פארכאַפט שפאַנענד אלע חברים.

## ווער איז ער?

וולאדימיר איליטש אוליאַנאָוו (לענין) איז גע־
באָרן געוואָרן אין סימבירסק דעם 10־טן אַפריל
1870 יאָר. זיין פאָטער פון געבורט א פויער, האָט
דאָרטן געדינט אלס אַ פאָלקס־שול דירעקטאָר און
איז געוועזן זעהר באליבט בא די לערער פון די
שטעטישע און דאָרפשולן פון זיין געגנט.

לענין האָט זיך זעהר גוט געלערנט און האָט
זיך נאָך אין דער גימנאַזיע אויסגעצייכנט מיט זיינע
שריפטן, זיינע לערער האָבן אים נביאות געזאָגט.

אז אין דער צוקונפט וועט ער זיין אנ'אנגעזעהענער שרייבער.

אין 1887 יאר בשעת לענין איז שוין געווען אין לעצטן קלאס גימנאזיע, האט מען אין פעטער־בורג אויפגעהאנגן זיין עלטערן ברודער אלעקסאנדר איליטש אוליאנאוו פאר א פערזוך צו א אטענטאט אויפ'ן קייסר אלעקסאנדער דער 3־טער. דער מארד פון ברודער האט געמאכט א שרעקליכן איינדרוק אויף לענינען און אויף אלע מיטגלידער פון זיין פאמיליע און האט זיי באשטימט צו דער רעוואָ־ליוציאנערער ארבעט.

## סטודענט־יארן.

געענדיגט די גימנאזיע האט לענין איינגעטראטן אויפ'ן יורידישן פאקולטעט אין קאזאנער אוניווערזיטעט. די אוניווערזיטעטן פון די הויפט־שטעט זיינען פאר אים געווען פארמאכט ווי פאר א ברודער פון א געהאנגענעם טעראריסט. אבער לענין איז נישט לאנג געוועזן א סטודענט: אין א חדש ארום האט מען אים אויסגעשלאסן פון אוני־ווערזיטעט פאר באטייליגן זיך אין דער סטודענ־טישער רעוואליוציאנערער באוועגונג. און ערשט אין פיר יאר ארום האט ער געקראגן די מעגליכקייט אפצוגעבן דעם עקזאמען. די פיר יאר זיינען פאר לענינען ניט פארפאלן אומזיסט. באזיצענדיג א

גרויסן געדולד און א שטארקן ווילן, האט ער פיל גע־
ארבעט איבער זיין זעלבסט־בילדונג, זיך גרייטנדיג
צו דער רעוואליוציאנער ארבעט, וואס איז אמענדע
געווארן דער ציל פון זיין גאנצן לעבען. צו דערזעל־
בער צייט געהערן זיינע ערשטע פארזוכונגען אריינ־
צוקומען אין באציהונג מיט דער רעוואליוציאנער
יוגנד פון יענער צייט.

## רעוואליוציאנערע ארבעט.

באלד נאך דער ענדיגונג פון אוניווערסיטעט איז לענין אריבערגעפארן קיין פעטערבורג, און פון דאמאלט האט ער זיך אינגאנצן אפגעגעבן דער רע־וואליוציאנערער ארבעט. אין פעטערבורג האט זיך דאן געגרינדעט א „פארבאנד פון קאמף פאר דער באפרייאונג פונ'ם ארבעטער־קלאס", וועלכער האט אנגעפירט מיט דער דאמאלט ערשט געבארענער ארבעטער־באוועגונג. דער פארבאנד האט זיך פאר־נומען מיט אגיטאציע און פראפאגאנדע. זיינע מיט־גלידער זיינען אינגיכן ארעסטירט געווארן און נאך מער ווי א יאר צייט טורמע פארשיקט קיין סיביר. לענין איז אין סיביר אפגעוועזן דריי יאר צייט און האט דארטן אנגעשריבן עטליכע ווערק איבער עקאנאמישע פראגן. די מער זויכטיגסטע פון זיי איז דאס ווערק: „די ענטוויקלונג פון קאפיטאליזם אין רוסלאנד" און נאך עטליכע אונלעגאלע בראשורן.

## די אויסלענדישע ארבעט פון „א י ס ק ר א".

צוריק קומענדיק פון סיביר, פארט לענין קיין אויסלאנד, וואו ער גרינדעט אין 1900 יאר צוזאמען מיט מארטאוו'ן, פאטרעסאוו'ן און מיט די מיטגלידער פון דער גרופע. „ארבעטס־באפרייאונג" די צייטונג „איסקרא". די אויפגאבע פון „איסקרא" איז געווען צו צוגרייטן די גייסטיגע פאראייניגונג פון דער רעוואליוציאנערער סאציאל־דעמאקראטיע און אנצופירן מיט דעם קאמף פונ'ם ארבעטער־קלאס און זיין פארטיי. און „איסקרא" האט פאלשטענדיג ערפילט די דאזיגע ארבעט. קיין איין צייטונג האט נאך נישט געשפילט אזא וויכטיגע ראלע אין אונזער רעוואליוציאנערן קאמף, ווי „איסקרא"־ווע וועלכע מ'פלעגט ברענגן בגנבה קיין רוסלאנד און פארשפרייטן צווישן די ארבעטער. און די דינינקע בלעטלעך פון דער באליבטער ארבעטער־צייטונג פלעגן זיך לייענען ביז זיי פלעגן נישט צופליקט ווערן. פון דאן אן ווערט די אנפירנדע פארטיי־ארבעט קאנצענטרירט אין אויסלאנד. דארטן פלעגט ארויסגעגעבן ווערן די אונלעגאלע ליטעראטור, דארטן פלעגן צונויפגערופן ווערן אלע פארטיי־צוזאמענפארן, קאנפערענציעס און בארשטונגען.

לענין איז תמיד געווען אין תוך פון דער ארבעט, ער גיט אפ זיין גאנצן לעבן און אלע זיינע מחשבות דער פארטיי און דער רעוואליוציאנער ארבעט. מענשן וואס האבן אים גוט געקענט פלעגן זיך שטענדיג וואונדערן, ווי ווייניג אויפמערקזאם ער איז צו זיינע אייגענע באדערפענישן און מיט וואס פאר א עקשנות און איבערגעגעבנהייט ער ארבעט.

## די ערשטע רעוואליוציע.

אין 1905 יאר קערט זיך לענין אום אויף א קורצער צייט צוריק קיין רוסלאנד. צו פארבלייבן לעגאל אין פעטערבורג גיט זיך אים אבער איין נאר איין מעת־לעת. און נאכדעם קומט אים אויס צו באהאלטן זיך אונלעגאל אפריהער אין פעטערבורג און נאכדעם אין פינלאנד. די זיגרייכע קאנטר־רעוואליוציע צווינגט אים ווידער זיך אומצוקערן צוריק קיין אויסלאנד. דערביי געלינגט אים קוים אויסצומיידן די אויפמערקזאמקייט פון דעם קייזער׳ס שפיאנען און ראטעווען זיך פון דעם ארעסט.

## ווידער אין אויסלאנד.

דא הויבן זיך ווידער אן די לאנגע יארן פון אויסלענדישן נע־ונד זיין, אבקומעניש און פיין ביי דער שרעקליכער אטמאספער פונ׳ם עמיגראנטן־לע־

בען, און זייענדיג אבגעריסן פון פאלק דאך פונ־
דעסטוועגן פארבליבן א פלייסיגער איבערגעגעב־
נער ארבעטער לטובת דער גרויסער באפרייאונג
פון די ארבעטנדע.

לענין האט א סך געשריבן סיי בראשונה,
סיי ארטיקלען אין פארשיידענע לעגאלע און אומ־
לעגאלע בלעטער און זשורנאלן, מערסטענטיילס
ערשיינען זיי אהן א אונטערשריפט אדער מיט
אלערליי אויסגעטראכטע נעמען, ווי למשל: טו־
לין, וו. אילין, וכדומה. ס'איז דאך געווען א צייט
פון אכזריות'דיגע רדיפות אויף דער רעוואליוצי־
אנער פרעססע, און איין פאמיליע פון א באוואוסטן
רעוואליוציאנער, אונטערגעשריבן אונטער אנ'אר־
טיקל, וואלט געבראכט פאר א קרבן אי דעם אר־
טיקל, אי די צייטונג און דעם מחבר אודאי.

נאך דאמאלסטיגע פארטיי־ארבעטער האבן
אים געקאנט דאס רוב אונטער'ן פאמיליען־נאמען
„לענין", און אט דער ביי־נאמען (פסעוודאנים)
איז ביי אים געבליבן ביז איצטער.

אין 1912 יאר איז לענין אריבער קיין קראַ־
קוי, כדי צו זיין נעהנטער צו רוסלאנד און אויך
צו האבן די מעגליכקייט מיטצוארבעטן אין דער
ערשט געגרינדעטער „פראוודא".

## לענינס אנשויאונגן.

ליט זיינע אנשויאונגן נאָך איז לענין **תמיד** געווען אַ שטרענגער אויסגעהאַלטענער מאַרקסיסט. האָט תמיד געקעמפט קעגן די אָפּווייכונגען פון׳ם רעוואָליוציאָנעם מאַרקסיזם, קעגן די אַלע נויגונגען צו דער „סאָגלאַשאַטעלסטוואָ״ מיט דער בורזשו־אַזיע. זיינע פעסטע קאַמפּס־לאָזונגן האָט דאָס לעבן אַליין פאַרווירקליכט און זיי האָבן פאַראייניגט אַרום זיך אַלע גרעסערע און גרעסערע אַרבעטער־שיכטן.

די זעלביגע לאָזונגען האָבן אויך מנצח געווען בשעת דער רעוואָליוציע פון 1917 יאָר.

## ענדליך אין רוסלאַנד.

נאָך דער ערשטער ידיעה וועגן נצחון פון די פּעטערבורגער אַרבעטער האָט לענין זיך אָנגעהויבן רייסן אין רוסלאַנד, כדי צו נעמען אַ אַקטיוון אָנ־טייל אין די גרויסע געשעהענישן און באַקומען די מעגליכקייט אָנצופירן מיט זיי.

און שוין אין דעם ערשטן טאָג פון זיין אָנ־קומען האָט מען דערפילט אין זיין רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דער זיצונג פון׳ם פּעטערבור־גער קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַר־טיי, אַז ס׳איז געקומען צופירן אַנ׳עכטער אָנפירער פון די אַרבעטער — אַנ׳אָנפירער, וואָס וועט ניי־

דאס געוועהר אוועקלעגן, וואס וועט זיך נישט באַ־
נוגנען מיט האַלבע מיטלען, וואס וועט עקשנותדיג
געהן ביז צום פאַלשטענדיגן נצחון פון די ארבע־
טענדע. די רעדע, אין וועלכער ס'איז צום ערשטן
מאל ארויסגעשטעלט געוואָרן דער לאָזונג: „די
גאנצע מאכט די ראטן!" — האָט אוועקגעשטעלט
נייע ברייטע אויפגאבן פאר די אלעמען, וואס זיי־
נען דארטן געוועזן.

## לעבינס שונאים.

א שרעקליכער גוואלד און העצע האָט זיך
אויפגעהויבן אין די רייהען פון די בורזשואזיע און
„סאָגלאַשאַטעלעס", וועלכע זיינען, צו יענער צייט
געווען אין דער מערהייט.

די „סאָגלאַשאַטעלעס" (מענשעוויקעס און
ס. ר.'ן) האָבן זיך דעמאָלט געסטאַרעט צו איבער־
צייגן דעם עולם, אז אין לענינס רעד איז נישטאָ
קיין ממשות, אז די רעוואָלוציע קען נישט ברענ־
גען צו א נצחון איבער דער בורזשואזיע, בקצור
אז ס'איז — געקומען אַ מענש, וואס פארשטעהט
אין לעבן גאָרנישט, און וואס זיינע ווערטער מבח
דער ראטן־מאַכט איז „א חלום פון א משוגע'נעם"

איצטער האָט דאס לעבן באוויזן, ווער פון זיי
איז געווען גערעכט.

און די בורזשואזע בלעטער? זיי האָבן טאַקי
גאַנץ ריכטיג דערשמעקט, אז איצטער האָבן זיי

צו טאָן מיט זייער סאַמע פּעבּטן, סאַמע אויסגע־
האַלטענעם ישונא. ווי אַ וויו־בּלווינט הויבּט זיך אָן
צו דרעהען ארום לענינען אַנ׳אונפערשעמטסטער
מיאוס׳טער בלבול. קיין אנדער געוועהר האָבּן זיי
גישט פאַרמאַגט, אַ באַשולדיגונג אַז ער איז אַנ־
געקויפט, אַז ער האָט זיך פאַרקויפט די דייט־
שען אַ. אַז. וו. מען האָט געהאַלטן אין איין גיסן
שמוץ אויף לענינס קאָפּ! און דאָס האָבּן געטאָן די
יעניגע, וועלכע בענקן איצטער גאַנץ אָפן נאָך דער
דייטשער הילף קעגן דער רעוואָליוציע.

דער לעזער געדענקט, ווי דאַמאָלסטיגע הער־
שער, די מענשעוויקעס און ס. ר.׳ן האָבּן, לויט דער
פאָדערונג פון דער בורזשואַזיע, גענומען זעצן אין
תפיסה אַלע אַנ׳געזעהענע פאַרשטעהער פון דעם
ארבעטער־קלאַס, די באָלשעוויקעס טראָצקי, לונאַ־
טשארסקי, קאַמענעוו, ראַסקאָלניקאָוו און אַ סך אַנ־
דערע. ס׳איז אויך ארויסגעגעבּן געוואָרן אַ באַפעל
וועגן ארעסט פון דעם סאַמע פאַרהאַסטן פון דער
בורזשואַזיע, דעם חבר לענין. אָבּער דער אַוואַנגאַרד
פון די פּעטערבורגער ארבעטער האָבּן גענומען אויף
זיך די באַשיצונג פון זייער פירער, און צו פאַקן
לענינען האָט קערענסקי׳ן זיך ניט איינגעגעבּן, וויי־
פיל סהאָבּן זיך־ניט געסטאַרעט זיין „קאָנטר־ראַז־
ווערקאַ. און לענין איז דוקא געוועזן דאָ, דערביי,

און יעדער טריט פונ׳ם רעוואָליוציאָנערן פּראָלע־
טאַריאַט פּלעגט באַטראַכט ווערן צוזאַמען מיט אים.
דער אויסבראָך פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליו־
ציע האָט אומגעוואָרפן די מאַכט פון דער בורזשו־
אַזיע מיט אירע מיטלויפערס. ביי דער מאַכט האָט
זיך געשטעלט דער פּראָלעטאַריאַט און זיין טרייער
פאַרבינדעטער — די פויערשע אָרימקייט. און
בשעת ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער שמועס וועגן די
רשימות פון די מיטגלידער פון אַרבעטער און פּויע־
ערים רעגירונג, איז דער ערשטער נאָמען, וואָס
האָט אַרויסגערופן אַן׳איינשטימיגן ציטרויען, איז
געווען דער נאָמען פונ׳ם אויסגעפּרובטן, נישט גע־
שטרויכעלטן קעמפער וולאַדימיר איליטש אוליאַ־
נאָוו—לענין. דאָס לעבן אַליין האָט באַוויזן די גע־
רעכטיגקייט פון זיינע אָנשויאונגן. דער פּאַרטיי־
טער רעוואָליוציאָנער איז מיט אַ מאָל אוועקגע־
שטעלט געוואָרן דורכ׳ן לעבן אַליי׳ן בכבוד׳יגסטן
און שווערסטן אָרט—אין דער שפּיץ פון דער אַרבע־
טער און פויערים־רעגירונג אין אונגעהערטע שווע־
רע באַדינגונגן. דאָס איז דער גורל פון דעם
דאָזיגן מענטשן.

ער איז תמיד שטאָלץ געגאַנגען צו דעם אָנ־
געמערקטן ציל, נישט אַכטענדיג דערויף, וואָס זיינע
שונאים רעדן וועגן אים. אים האָט געקלעקט דער

באַוואוסטזיין, אַז ער איז גערעכט.

שונאים האָט ער פיל, אָבער פונקט אַזוי טיף ווי די בורזשואַזיע האַסט אים, שעצן און ליבן אים די אַרבעטער און פויערים, וואָס צוליב זייער באַפרייאונג פון אונטערן יאָך פון קאַפּיטאַל האָט ער אָפּגעגעבן און גיט אָפּ אַלע זיינע כחות.